צו פּױלוסן דורך אַ חזיון בּײַנאַכט: האָבּ נישט
10 קײן מורא, נאָר רעד, און שװײַג נישט; װײַל איך בּין
מיט דיר, און קײנער װעט דיך נישט אָנרירן, דיר
שלעכטס צו טון; מחמת איך האָבּ אַ גרױס פֿאָלק
11 אין דער דאָזיקער שטאָט. און ער האָט (דאָרטן)
זיך אױפֿגעהאַלטן אַ יאָר מיט זעקס חדשים, לערנענ־
דיק צװישן זײ דאָס װאָרט פֿון ג־ט.
12 װען אָבּער גאַליאָן איז געװען פּראָקאָנסול פֿון
אַכאַיאַ, האָבּן די ײדן זיך אײנשטימיק אױפֿגעשטעלט
קעגן פּױלוסן, און אים געפֿירט צו דער געריכטס־
13 שטול, און געזאָגט: דער דאָזיקער מאַן רעדט איבּער
14 די מענטשן צו דינען ג־ט להיפּך דער תּורה. און
װי פּױלוס האָט געװאָלט אױפֿעפֿענען זײַן מױל,
האָט גאַליאָן געזאָגט צו די ײדן: אױבּ עס װאָלט טאַקע
געװען עפּעס אַן עװלה אָדער אַ בּײזע געמײנהײט,
ײדן, פֿאַרשטײט זיך, אַז איך װאָלט געװען געדולדיק
15 מיט אײַך; אױבּ אָבּער עס זענען שאלות װעגן
װערטער און נעמען אין דער תּורה אײַערער, זעט
איר אַלײן דערצו; קײן שופֿט פֿון די דאָזיקע זאַכן
16 װיל איך נישט זײַן. און האָט זײ פֿאַרטריבּן פֿון
17 דער ריכטער־שטול. און אַלע האָבּן געכאַפּט
סאָסטענעסן, דעם גבּאי פֿון שול, און אים געשלאָגן
פֿאַר דער ריכטער־שטול; און גאַליאָן האָט זיך נישט
אָנגענומען.
18 און פֿאַרבּלײַבּנדיק נאָך דאָרטן אַ סך טעג, האָט
פּױלוס זיך געזעגנט מיט די בּרידער, און איז
אַװעקגעפֿאָרן מיט דער שיף קײן סיריען, און
מיט אים פּריסקילאַ און עקילס; נאָכן אָפּגאָלן זיך
דעם קאָפּ אין קענכרעאַ, װאָרום ער האָט געהאַט
19 געטון אַ נדר. און זײ זענען געקומען קײן עפֿעזוס,
און ער האָט זײ דאָרטן איבּערגעלאָזט; אַלײן